# זקניך ויאמרו לך

ת״ת תורה ויראה דרבינו יואל ד׳סאטמאר • בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א • פה ק״ק קרית יואל יצ״ו

בעזהשי״ת — גליון ע״ה – פר׳ אמור תשס״ט לפ״ק — כיתה ח׳ ט׳


**תשעא) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע**

## הרה״ח ר׳ משה קאהן הי״ו

ער האט געוואוינט אין רומעניען וואו זיין טאטע הרה״ח ר׳ שבתי הכהן קאהן ע״ה האט געהאט א פרינטונג קאמפאני.

אמאל איז א געוויסע מאשינדל פון די דרוקעריי ארויפגעפאלן אויף זיין שוועסטערס האנט און עס איז געווארן אויפגעשוואלן, איז מען געגאנגען מיט איר צום דאקטער, דער דאקטער האט געזאגט אז די פינגער איז פארגיפטעט ל״ע און מ׳מוזד דאס אפשניידן.

דער זיידע איז דאן אריין מזכיר זיין מיט א קוויטל צום וויזשניצער רבי׳ן **הרה״צ רבי ישראל זצ״ל דער אהבת ישראל**, האט ער געזאגט אז מ׳זאל זאגן פארן דאקטער אז מ׳זאל נישט אפשניידן די פינגער.

וכך הוה, ווען זיי זענען צוריק געגאנגען צום דאקטער און איבערגעגעבן די ווערטער, האט דער דאקטער נאכאמאל אונטערגעזוכט און געזעהן אז די פארגיפטונג האט זיך שוין ב״ה אויסגעהיילט. (יושע קאהן, נפתלי גרינפעלד, יעקב שאפפער, יעקב פאגעל, אהרן פאגעל)

**תשעב) עס דערציילט אונזער עלטער באבע תחי׳ אשת**

## הרה״ח ר׳ בנציון איצקאוויטש ע״ה

ביי די צווייטע וועלט מלחמה האב איך געארבעט אין קאך, און איינמאל קוק איך ארויס און איך זע ווי א איד ליגט פאר׳חלש׳ט, און זאגט מיר ׳גיב מיר אביסל קארטאפל שאלעכטס׳... איך האב אים געגעבן אביסל שאלעכטס, און ער האט מיך אנגעוואונטשן אריכות ימים.

עס איז געווען א היבשע פאר יאר שפעטער, און איין טאג קומט אן א חתונה בריוול צו מיר אהיים אז איך זאל קומען צו א חתונה וואס איך קען נישט דעם מענטש, אבער אז מ׳רופט גייט מען, ביי די חתונה קומט צו צו מיר א אלטער איד און ער רופט צו זיינע אייניקלעך און זאגט זיי ״ווען נישט די פרוי וואלט עטס נישט געלעבט... ביי די מלחמה האט די פרוי געארבעט אין קאך, און ווען איך בין שוין כמעט אויסגעגאנגען פאר הונגער האט זי מיך געראטעוועט״... (שמשון זאלדאן, משה הערשקאוויטש, אברהם אלי׳ זאלדאן, בנציון זאלדאן, אהרן זאלדאן)

**תשעג) עס דערציילט מיין עלטער זיידע**

## הרה״ח ר׳ שלמה כ״ץ הי״ו

מבית אבותי הקדושים זענען מיר געווען נאנט צו די צדיקי בית סטראפקוב. איך געדענק נאך ווען **הרה״ק רבי אברהם שלום** זי״ע איז געווען ביי מיין טאטן ז״ל אין שטוב, און אויך שפעטער בין איך געווען נאנט ביי **הרה״ק רבי מנחם מענדל מסטראפקוב זי״ע**.

אין די מלחמה יארן האט רבי מענדל׳ע זי״ע געזוכט וואו זיך צו באהאלטן אין א בונקער, און ער האט געוואלט זיך גיין ראטעווען אין א בונקער אין די שטאט פרעשבורג.

דער בונקער איז געווען ביי א גוי אין שטוב מיטן נאמען ״יאנקאווי זאהורק״ וועלכער איז געווען מחסידי אומות העולם, און ער האט מסכים געווען אויסצובאהאלטן עטליכע אידן אין א בונקער וועלכע האט זיך געפונען אין זיין הויף אונטער דעם וואשן-צימער, אין יענעם בונקער האט זיך אויך געפונען **הגה״צ ר׳ מיכאל בער וויסמאנדל זצ״ל** מיט נאך א צאל אידן אנשים ונשים וטף וואס האבן זיך דארט אויפגעהאלטן א לענגערע צייט אונטער שרעקליכע אומשטענדן, בסך הכל האבן פלאץ געהאט פינף אידן אין יענעם בונקער און יעצט האבן זיך דארט שוין געפונען זיבעצן נפשות...

די אידן וועלכע זענען אין אלגעמיין געווען אשכנזי׳שע אידן איינוואוינער פון פרעשבורג און האבן נישט געגלויבט אין די חסידישע רבי׳ס, האבן געהאט א טענה אז דער פלאץ איז געענגט עד כדי כך אז דאס באוועגונג קומט אן שווער, ומי יודע ווי לאנג מען וועט נאך דא אזוי זיצן, על כן איז אוממעגליך אז זיי זאלן זיך קענען ערלויבן אריינצונעמען דא נאך א מענטש.

דער סטראפקוב׳ער רב האט באפוילן איבערצוגעבן פאר די אידן אז אויב וועלן זיי אים אריינעמען אין בונקער דאן זאגט ער זיי צו אז זיי וועלן איבערלעבן די מלחמה און די רשעים וועלן נישט קענען האבן אויף זיי קיין שום שליטה ״איך האב אונטערלאגע דערויף״ האט ער זיך אויסגעדריקט. ווען די אידן האבן געהערט אזעלכע זיכערע רייד האבן זיי פארלאנגט אז דער סטראפקוב׳ער רב זאל געבן די הבטחה כתוב וחתום בכתי״ק, און ער האט טאקע אפגעשריבן אזא שטר און אונטערגעשריבן און געגעבן פאר די אידן, איבריג צו זאגן אז די הבטחה איז פולקאם מקוים געווארן און די אלע אידן האבן איבערגעלעבט די מלחמה מיט נסים נגלים ממש. עס איז געווען אמאל ווען די דייטשן זענען שוין געשטאנען ביים טיר פון בונקער און מ׳איז געווען זיכער אז זיי זענען שוין געכאפט, פלוצלונג האבן זיי זיך אויסגעדרייט און אוועק געגאנגען.

ווען מ׳האט שפעטער געפרעגט רבי מענדל׳ע ווי אזוי האט ער זיך געטרויעט צו געבן אזא כתב מיט א זיכערהייט, האט ער געענטפערט ״דער טאטע האט געזאגט אז ווער עס האט נישט פוגם געווען, האט א ווארט אין הימל, מילא האב איך זיך געוואגט צו זאגן״... (אהרן יעקב הכהן כ״ץ)

**תשעד) עס דערציילט מיין עלטער זיידע**

## הרה״ח ר׳ פישל פריעדמאן שליט״א

ווען איך האב נאך געוואוינט אין ארץ ישראל איז געווען א חשוב׳ער סופר א ערליכער איד וואס איך האב אים גוט געקענט, און ער האט געשריבן א ס״ת וואס עטליכע מענטשן האבן ביי אים באשטעלט, אבער יענע מענטשן זענען נישט געווען קיין ערליכע מענטשן, נאר זיי האבן באלאנגט צו די ציוני׳סטישע קרייזן.

ווען די ס״ת איז פארטיג געווארן און מ׳האט געמאכט א גרויסע הכנסת ס״ת האט מען געמאכט כנהוג א ״סיום כתיבת האותיות״ און עס זענען געקומען צו גיין פארשידענע מענטשן פון די גרויסע ציונים און זיי זענען מכובד געווארן צו שרייבן אן אות.

איז דאס ביי מיר געווען א חידוש אויפן סופר ווי אזוי ער לאזט דאס צו, ווייל לכאורה איז דאך די הלכה אז א ״ספר תורה שכתבו מין ישרף״, קומט אויס אז די ס״ת איז פסול און מ׳טאר נישט ליינען דערין.

שפעטער קומט צו צו מיר דער סופר, און ער דערציילט מיר בסוד סודות אז ער האט תיכף אפגעקראצט אלע אותיות וואס די ציונים האבן געשריבן, כדי עס זאל נישט בלייבן קיין זכר פאר די רשעים, און מ׳זאל נישט דארפן פארברענען די ס״ת. (אהרן אלעזר הלוי רובינפעלד)

**תשעה) עס דערציילט מיין זיידע**

## הרה״ח ר׳ יעקב יונה בערנאטה הי״ו

מיין מאמע ע״ה האט אמאל באקומען א טומאר ל״ע אין מח, די דאקטורים האבן אלע געזאגט אז מ׳מוז איר דריגענד אפערירן, א שווערע מסוכנ׳דיגע

אפעראציע, ווייל אויב וועט זי נישט דורכגיין די אפעראציע וועט זי זיכער נישט קענען לענגער מאריך ימים זיין.

איך בין דעמאלטס אריבער געפארן קיין בעלל-הארבער וואו **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** האט זיך אויפגעהאלטן אין יענע יארן צוליב זיין שווערן מצב הבריאות, און איך האב מזכיר געווען פארן רבי'ן דעם שווערן מצב, און דערציילט אז די דאקטורים זאגן אז מ'מוז אריבערגיין די שווערע אפעראציע.

רופט זיך אן דער רבי "מ'זאל קיינעם גארנישט זאגן, און מ'זאל גארנישט טון"...

עס איז געווען א פלא, און מיר האבן געפאלגט דעם רבי'ן קעגן די ווערטער פון אלע דאקטורים, און זי איז געזונט געווארן און געלעבט נאך צען יאר.

שפעטער שוין נאכן רבי'נס פטירה איז זי נאכאמאל נישט געזונט געווארן, און נאך עטליכע יאר וואס זי האט מיטגעמאכט מיט די מחלה איז זי ל"ע נפטר געווארן (די יארצייט איז ל"ג בעומר, י"ח אייר, לע"נ רחל בת ר' אברהם מאיר הלוי) (אהרן אליעזר מרדכי בערנאטה)

**תשעו) עס האט דערציילט אונזער זיידע**

## הרה"ח ר' ליפא בראך ע"ה

אין חודש שבט תש"ה ווען די דייטשן האבן געזעהן אז זייער סוף דערנענטערט זיך און די רוסישע מיליטער דערנענטערט זיך, האבן זיי געוואלט אריינכאפן אויסצוהרג'ענען ווי מער אידן, האבן זיי געהייסן אלע אידן ארויפגיין אויף לאסט אויטאס, און אכט טעג איז מען געפארן בלי מזון ומים, און די איינציגסטע זאך וואס זיי האבן געהאט זיך צו קענען דערהאלטן דאס לעבן איז געווען רעגן טראפן וואס האט געדעגנט פון הימל.

די רשעים האבן אבער נישט פארגינען די אידן די 'לוקסוס' פון קענען ארייננעמען א טראפן וואסער אין מויל, האבן זיי אלעמען געהייסן שטיין מיט אראפגעבויגענע קאפ, און אז זיי האבן באמערקט איינעם זיך אויפהייבן דעם קאפ, האבן זיי באלד געשאסן ל"ע.

עס איז געווען ארום טויזנט אידן וואס זענען ארויסגעפארן מיט דעם טראנספארט, און 'פופצן' זענען אנגעקומען לעבעדיגערהייט אינעם צווייטן לאגער.

דער זיידע איז געווען צווישן די לעבעדיגע, אבער ער איז געווען אזוי שוואך אז ער איז נישט פעהיג געווען צו גיין אויף די פיס, א דאנק זיין ברודער ר' מענדל ע"ה וואס איז געווען מיט אים, האט ער אים געהאלפן און אריינגעפירט אין לאגער (ליפא גאלדבערגער, ליפא בר"ט בראך, ליפא ברא"ש בראך, שלמה זלמן לעווינגער)

**תשעז) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע**

## הרה"ח ר' רפאל בנימין כ"ץ הי"ו

אלס בחור האב איך געלערנט אין פיר ישיבות, אין סעקלהעיד, סיגוט, שימלוי, סאטמאר. וואו איבעראל האב איך זוכה געווען צו האבן גרויסע און הייליגע רבי'ס וואס האבן מיט אונז געלערנט תורה בקדושה ובטהרה.

ווען איך האב געלערנט אין סאטמאר אין די ישיבה פון **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע**, האבן דארט אויך געלערנט דער **תולדות אהרן רבי זצ"ל**, און להבחל"ח דער **וויזשניצער רבי שליט"א** פון מאנסי.

ווען איך בין בר מצוה געווארן האט מען 'געפראוועט' מיין בר מצוה אין די ישיבה, ד.ה. נאכן דאווענען ווען איך האב געלייגט תפילין צום ערשטן מאל האט מען געגעבן לעקאך און בראנפן, און דער עולם האט געוואונטשן לחיים. (ישראל זאב, ואחיו נפתלי צבי האלפערט)

**תשעח) עס דערציילט אונזער זיידע**

## הרה"ח ר' משה יעקב סיגלער הי"ו

ווען מיר האבן געוואוינט אין קוממיות האט מען דארט זעלטן געזעהן א קאר, עס איז געווען א דארף, און כמעט וואס קיינער איז נישט אריינגעקומען מיט א קאר, איינמאל ווען א קאר איז אנגעקומען איז יעדער געלאפן קוקן ווער דאס איז, האט מען געזעהן אז דאס איז א איד פון בני ברק, און יענער זאגט אז ער האט שוין געהערט פון א דערפל קוממיות, וואו עס וואוינען א צאל חשוב'ע אידן יראים ושלמים, האט ער געוואלט זעהן וואס דאס איז.

מ'האט אים געפירט צום הויז פון אונזער רב **הגה"צ רבי בנימין מענדלזאהן זצ"ל**, דער רב האט געשמועסט מיט אים, און בתוך הדברים האט ער אים געפרעגט צי ער האט געלט און צי ער קען ארויסהעלפן די אידן אין קוממיות וואס מוטשענען זיך שווער אויף פרנסה.

דער איד איז זייער אנטציקט געווארן פון וואס ער האט געזעהן אין דעם ישוב, אלעס לויטער ערליכע אידן יראים ושלמים, האט ער געזאגט פארן רב אז ער האט א פלאן ארויסצוהעלפן די שטאט. אזוי ווי ער ארבעט מיט דימאנטן, און ער האט פארשידענע פאבריקן ווי זיינע ארבעטער טוען שלייפן די דימאנטן, קען ער אויפשטעלן אזא פאבריק אויך דא אין קוממיות און אידן פון דא וועלן האבן פרנסה.

אומר ועושה, מ'האט דארט אין קוממיות אויפגעשטעלט א פלאץ וואו מ'האט געשליפט דימאנטן, און היבש אידן האבן דארט געארבעט, אויך פון די ארומיגע דערפער זענען אידן געקומען ארבעטן און געצויגן חיונה.

צווישן די ארבעטער איז געווען א איד פון בני-ברק מיטן משפחה נאמען 'למנצח', ער האט געהאט א אינגל און ער האט אים א נאמען געגעבן 'משה'. דער איד האט לאנגע יארן פריער נישט געהאט קיין קינדער און ער האט זיך יעצט געריסט צו מאכן דעם פדיון הבן ברוב פאר והדר.

ליידער האט פאסירט א ביטערע אומגליק, דער איד האט ל"ע געהאט א עקסידענט נאך פארן פדיון הבן, די מאמע די יולדת איז ליידער בארירט געווארן דערפון און זי איז אנטלאפן פון הויז, און דאס קינד איז אריבער אין שטוב פון די באבע, די מאמע פונעם טאטן ע"ה.

ווען עס איז אנגעקומען דער טאג פונעם פדיון הבן זענען מיר אלע געפארן קיין בני ברק, א מנין היימישע אידן, און מיר האבן געבעטן פון די באבע אז מיר ווילן מאכן דעם פדיון. די באבע האט אבער מורא געהאט אז מיר ווילן אוועק נעמען דאס קינד, האט זי נישט מסכים געווען צו געבן דאס קינד, מיר זענען אריבערגעגאנגען אין ביהמ"ד און מיר האבן דארט געטראפן נאך אידן פון די משפחה, איך האב מיט זיי געכאפט א שמועס און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז זיי זענען ברודער פון די מאמע פון דאס קינד.

אזוי שמועסנדיג האט זיך ארויסגעשטעלט אז מיר קענען זיך, ווייל ווען זיי זענען געווען בחורים זענען זיי געווען אין א ציוני'סטישן קיבוץ, און איך בין דעמאלטס ארומגעגאנגען אין די קיבוצים מאכן בעלי תשובה, און איך האב זיי אויך מחזיר בתשובה געווען, דעריבער זענען זיי גרייט געווען צו קאאפערירן מיט אונז, און זיי זענען געגאנגען זאגן פאר די באבע אז זי דארף פון מיר נישט מורא האבן און זי קען ארויסגעבן דאס קינד פאר מיר. מיר האבן דאן געמאכט דעם פדיון הבן, און צוריק געגעבן דאס קינד.

שפעטער האב איך נאכאמאל געשמועסט מיט זיי, און מסביר געווען אז דאס קינד דארף האבן א געהעריגע ווארימע היים וואו מ'זאל אים מחנך זיין, און ביי אונז וועט ער דאס קענען האבן, און מיר נעמען זיך אונטער אז די באבע וועט אלס קענען קומען קיין קוממיות און פארברענגען מיט דאס קינד. זיי האבן מיך געוואלט צוליב טון זענען זיי געגאנגען און אלעס מסביר געווען פאר די באבע, ביז ווען זי האט מסכים געווען צו קאאפערירן, און זי האט איבערגעגעבן דאס קינד פאר אונז.

מיר האבן אהיימגענומען דאס קינד צו מיר אין שטוב, און שפעטער האט אים איבערגענומען הרה"ח ר' ישראל פייערשטיין הי"ו שו"ב, ער האט געהאט א פולע שטוב מיט קינדער בליעה"ר האט ער זיך זייער גוט געפונען ביי זיי אין שטוב, ער איז אויפגעצויגן געווארן צוזאמען מיט זיינע קינדער, און יעדער האט אים גערופן 'משה'לע למנצח'.

שפעטער האט ער אנגענומען די משפחה נאמען פון ר' ישראל, און ער איז נתגדל געווארן צוזאמען מיט די חשוב'ע קינדער פון משפחת פייערשטיין, און ביזן היינטיגן טאג איז ער א חשוב'ער מרביץ תורה אין ירושלים עיה"ק. (שמואל זיינוויל, הערשל, בנימין סאנדעל)